ABOUT THIS TEXT

The following text is in DRAFT format, and is likely to contain numerous errors. It is an excerpt from a new transcription of Yehoyesh's Yiddish translation of Tanakh. This edition has been prepared by a team of volunteers under the direction of Leonard Prager, Professor Emeritus at the University of Haifa.

Errors may be reported to Dr. Prager:

lprager@research.haifa.ac.il

or to Matt Fisher:

mjf@press.uchicago.edu

The current version of this text may be found at Di Velt fun Yidish:

http://research.haifa.ac.il/~yiddish

---

# ספר רות

## פּרק א

1 און עס איז געווען אין די טעג וואָס די שׁוֹפטים האָבּן געהערשט, איז געווען אַ
הונגער אין לאַנד. און אַ מאַן איז געגאַנגען פון בֵּית-לֶחֶם-יהודה זיך אויפצוהאַלטן אין
פעלד פון מוֹאָב, ער מיט זײַן ווײַבּ און זײַנע צוויי זין. און דער נאָמען פון דעם מאַן איז
געווען אֱלִימֶלֶך, און דער נאָמען פון זײַן ווײַבּ נָעֳמִי, און דער נאָמען פון זײַנע צוויי זין
מַכלוֹן און כִּליוֹן – אֶפרָתער פון בֵּית-לֶחֶם-יהודה. און זיי זײַנען געקומען אין פעלד פון
מוֹאָב, און זײַנען דאָרטן געווען.

איז געשטאָרבּן אֱלִימֶלֶך, נָעֳמִיס מאַן, און זי איז איבּערגעבּליבּן, מיט אירע צוויי זין.
און זיי האָבּן גענומען מוֹאָבער ווײַבּער: דער נאָמען פון איינער איז געווען עָרפָּה און
דער נאָמען פון דער צווייטער רות. און זיי זײַנען דאָרטן געזעסן אַרום צען יאָר.

און זיי בײַדע, מַכלוֹן און כִּליוֹן, זײַנען געשטאָרבּן, און די פרוי איז געבּליבּן

פאַרעלנדט פון אירע בײַדע קינדער און איר מאַן. און זי איז אויפגעשטאַנען מיט אירע שניר, און האָט זיך אומגעקערט פון פעלד פון מוֹאָב, וואָרום זי האָט געהערט אין פעלד פון מוֹאָב אַז גאָט האָט געדאַכט אָן זײַן פאָלק, זיי צו געבן ברויט. און זי איז אַרויס פון דעם אָרט וואָס זי איז דאָרטן געווען, און אירע בײַדע שניר מיט איר, און זיי זײַנען געגאַנגען אין וועג, כּדי זיך אומצוקערן צום לאַנד יהודה.

האָט נָעמי געזאָגט צו אירע בײַדע שניר: גייט קערט אײַך אום איטלעכע צו איר מוטערס הויז. זאָל גאָט טאָן מיט אײַך חסד אַזוי ווי איר האָט געטאָן מיט די געשטאָרבענע און מיט מיר. זאָל אײַך גאָט געבן איר זאָלט געפינען מנוכה איטלעכע אין הויז פון איר מאַן.

[ז 1166]

און זי האָט זיי געקושט; און זיי האָבן אויפגעהויבן זייער קָול און האָבן געוויינט. און זיי האָבן צו איר געזאָגט: ניין, נײַערט מיר וועלן מיט דיר זיך אומקערן צו דײַן פאָלק. האָט נָעמי געזאָגט: קערט אײַך אום, טעכטער מײַנע, צוּוואָס זאָלט איר גיין מיט מיר? האָב איך דען נאָך זין אין מײַן לײַב, אַז זיי זאָלן אײַך ווערן פאַר מאַנען? קערט אײַך אום, טעכטער מײַנע, גייט, וואָרום איך בין צו אַלט צו האָבן אַ מאַן; לאָמיך שוין זאָגן, איך האָב אַ האָפענונג, איך זאָל נאָך די נאַכט האָבן אַ מאַן, און זאָל אויך געבערן זין, וועט איר דען אויף זיי אויסקוקן ביז זיי וועלן גרויס ווערן? וועט איר צוליב זיי בלײַבן זיצן ניט צו נעמען קיין מאַן? ניין, טעכטער מײַנע! וואָרום מיר איז פיל ביטערער פון אײַך, ווײַל גאָטס האַנט איז אויסגעגאַנגען אויף מיר.

האָבן זיי אויפגעהויבן זייער קָול און האָבן ווידער געוויינט. און עָרפָּה האָט זיך צעקושט מיט איר שוויגער,
אָבער רות האָט זיך באַהעפט אָן איר. האָט זי געזאָגט: זע, דײַן שוועגערין האָט זיך אומגעקערט צו איר פאָלק און צו איר גאָט; קער זיך אום נאָך דײַן שוועגערין. האָט רות געזאָגט: זאָלסט מיך ניט בעטן דיך צו פאַרלאָזן, זיך אומצוקערן פון הינטער דיר, וואָרום וווּהין דו וועסט גיין, וועל איך גיין, און ווּו דו וועסט נעכטיקן, וועל איך נעכטיקן; דײַן פאָלק איז מײַן פאָלק, און דײַן גאָט איז מײַן גאָט. ווּו דו וועסט שטאַרבן, וועל איך שטאַרבן, און דאָרטן וועל איך באַגראָבן ווערן. זאָל מיר גאָט טאָן אַזוי און נאָך מער! נאָר דער טויט וועט פאַנאַנדערשיידן צווישן מיר און צווישן דיר.

און זי האָט געזען, אַז זי האַלט זיך פעסט צו גיין מיט איר, און זי האָט אויפגעהערט זי אָפּצורעדן. און זיי זײַנען בײַדע געגאַנגען ביז זיי זײַנען געקומען קיין בֵּית-לֶחֶם. און

עס איז געווען, ווי זיי זייַנען אָנגעקומען קיין בּית-לֶחֶם, אַזוי האָט די גאַנצע שטאָט געטומלט מיט זיי, און די ווייַבער האָבּן געזאָגט: איז דאָס נָעמי? האָט זי צו זיי געזאָגט: איר זאָלט מיך ניט רופן נָעמי, רופט מיך מָרָה, וואָרום דער אַלמאַכטיקער האָט מיר זייער פאַרבּיטערט. אַ פולע בּין איך אַרויסגעגאַנגען, און ליידיק האָט מיך גאָט אומגעקערט. נאָך וואָס רופט איר מיך נָעמי, אַז גאָט איז מייַן קלעגער געוואָרן, און דער אַלמאַכטיקער האָט מיר שלעכטס געטאָן.

אַזוי האָט זיך אומגעקערט נָעמי, און איר שנור רות די מוֹאָבערין מיט איר, די וואָס האָט זיך אומגעקערט פון דעם פעלד פון מוֹאָב. און זיי זייַנען אָנגעקומען אין בּית-לֶחֶם אין אָנהייבּ גערשטנשניט.

# פּרק ב

1 און נָעמי האָט געהאַט איר מאַנס אַ קרוב, אַ ווױ־ילפאַרמעגלעכן מאַן פון אֶלימֶלֶכס משפחה, וואָס זייַן נאָמען איז געווען בּוֹעַז.

און רות די מוֹאָבערין האָט געזאָגט צו נָעמין: לאָמיך גיין, איך בּעט דיך, אין פעלד, און איך וועל אויפקלייַבּן זאַנגען הינטער דעם וואָס איך וועל געפינען לייַטזעליקייַט אין זייַנע אויגן. האָט זי געזאָגט צו איר: גיי, מייַן טאָכטער.

איז זי אַוועק, און איז געקומען און האָט געקליבּן אין פעלד הינטער די שניטערס, און אויף איר טראַף האָט זיך
[ז 1167] געטראָפן דאָס שטיק פעלד פון בּוֹעַזן וואָס פון אֶלימֶלֶכס משפחה. ערשט בּוֹעַז איז אָנגעקומען פון בּית-לֶחֶם, און האָט געזאָגט צו די שניטערס: גאָט מיט אייַך! און זיי האָבּן צו אים געזאָגט: בּענטשן זאָל דיך גאָט! האָט בּוֹעַז געזאָגט צו זייַן יונג וואָס איז געשטאַנען איבּער די שניטערס: וועמעס איז דידאָזיקע יונגע פרוי? האָט געענטפערט דער יונג וואָס איז געשטאַנען איבּער די שניטערס, און האָט געזאָגט: דאָס איז אַ יונגע פרוי אַ מוֹאָבערין, וואָס האָט זיך אומגעקערט מיט נָעמין פון דעם פעלד פון מוֹאָב; און זי האָט געזאָגט: לאָמיך קלייַבּן, איך בּעט דיך, און אויפזאַמלען צווישן די גאַרבּן הינטער די שניטערס; און זי איז געקומען און איז געשטאַנען פון זינט פרימאָרגן אַזש בּיז אַצונד; דאָס בּלייַבּן אירס אין דער היים איז בּלויז געווען אַ ווייַלע. האָט בּוֹעַז געזאָגט צו רותן: פאַרוואָר, דו הערסט, מייַן טאָכטער? זאָלסט ניט גיין קלייַבּן אין אַן אַנדער פעלד, און זאָלסט אויך ניט אַוועקגיין פון דאַנען; נאָר דאָ זאָלסטו זיך האַלטן מיט מייַנע מיידלעך. דייַנע אויגן זאָלן זייַן אויף דעם פעלד וואָס זיי

שנײַדן, און זאָלסט גײן הינטער זײ. פֿאַרוואָר, איך האָב באַפֿוילן די יונגען, דיך ניט אָנצורירן; און אַז דיר וועט דאָרשטן, זאָלסטו גײן צו די כּלים, און טרינקען פֿון וואַנען די יונגען שעפּן.

איז זי געפֿאַלן אויף איר פּנים, און האָט זיך געבוקט צו דער ערד, און האָט צו אים געזאָגט: פֿאַרוואָס האָב איך געפֿונען לײַטזעליקײַט אין דײַנע אויגן, מיך צו דערקענען, אַז איך בין אַ פֿרעמדע? האָט בּוֹעַז געענטפֿערט און האָט צו איר געזאָגט: דערציילן איז מיר דערציילט געוואָרן אַלץ וואָס דו האָסט געטאָן מיט דײַן שוויגער נאָך דײַן מאַנס טויט, און אַז דו האָסט פֿאַרלאָזן דײַן פֿאָטער און דײַן מוטער, און דאָס לאַנד פֿון דײַן געבאָרנשאַפֿט, און בּיסט געגאַנגען צו אַ פֿאָלק וואָס דו האָסט ניט געקענט פֿון נעכטן-אײערנעכטן. זאָל גאָט באַצאָלן דײַן טואונג, און דײַן שׂכר זאָל זײַן פֿאַרפֿול פֿון יהוה דעם גאָט פֿון ישׂראל, וואָס דו בּיסט געקומען זיך באַשיצן אונטער זײַנע פֿליגלען. האָט זי געזאָגט: לאָמיך געפֿינען לײַטזעליקײַט אין דײַנע אויגן, מײַן האַר! ווײַל דו האָסט מיך געטרייסט, און ווײַל דו האָסט גערעדט צום האַרצן פֿון דײַן דינסט, און איך בין צומאָל ניט ווי אײנע פֿון דײַנע דינסטן. האָט בּוֹעַז צו איר געזאָגט: אין דער צײַט פֿון עסן, גענען אַהער, און וועסט עסן פֿון דעם בּרויט, און וועסט אײַנטונקען דײַן בּיסן אין זויערס.

און זי איז געזעסן בײַ דער זײַט פֿון די שניטערס, און מע האָט איר דערלאַנגט געבּרענטע זאַנגען, און זי האָט געגעסן און איז זאַט געוואָרן, און האָט נאָך איבּערגעלאָזן. און ווי זי איז אויפֿגעשטאַנען צו קלײַבּן, האָט בּוֹעַז באַפֿוילן זײַנע יונגען, אַזוי צו זאָגן: אויך צווישן די גאַרבּן זאָל זי קלײַבּן, און איר זאָלט זי ניט פֿאַרשעמען. און אויך אַרויסציען פֿון די בּינטלעך זאָלט איר פֿאַר איר אַרויסציען, און איבּערלאָזן, אַז זי זאָל אויפֿקלײַבּן; און איר זאָלט ניט אָנשרײַען אויף איר.

און זי האָט געקליבּן אין פֿעלד בּיזן אָוונט, און זי האָט אויסגעקלאַפּט וואָס זי האָט אָנגעקליבּן, און עס איז געווען אַרום אַן אֵיפָה גערשטן. און זי האָט עס גענומען און איז אַרײַנגעגאַנגען אין שטאָט. און איר שוויגער האָט געזען וואָס זי האָט אָנגעקליבּן, אויך האָט זי אַרויסגענומען און איר געגעבּן וואָס זי האָט איבּערגעלאָזן נאָך איר זעט. [ז 1168] האָט איר שוויגער צו איר געזאָגט: ווּ האָסטו געקליבּן הײַנט, און ווּ האָסטו געאַרבּעט? געבּענטשט זאָל זײַן דער וואָס האָט זיך אומגעקוקט אויף דיר! האָט זי דערציילט איר שוויגער בײַ וועמען זי האָט געאַרבּעט, און זי האָט געזאָגט: דער נאָמען פֿון דעם מאַן וואָס איך האָב בײַ אים הײַנט געאַרבּעט, איז בּוֹעַז. האָט נָעמי געזאָגט צו איר שנור: געבּענטשט זאָל ער זײַן פֿון גאָט, וואָס האָט ניט פֿאַרלאָזן זײַן חסד מיט די לעבּעדיקע און מיט די טויטע! און נָעמי האָט צו איר געזאָגט: דער מאַן

איז אונדזערער אַ נאָנטער, ער איז פון אונדזערע אויסלײַזער. האָט רות די מואָבערין געזאָגט: ער האָט מיר אויך אָנגעזאָגט: לעבן די יונגען וואָס בײַ מיר זאָלסטו זיך האַלטן, ביז וואַנען זיי וועלן ענדיקן דעם גאַנצן שניט וואָס בײַ מיר. האָט נָעמי געזאָגט צו רות איר שנור: עס איז גוט, מײַן טאָכטער, אַז דו זאָלסט אַרויסגיין מיט זײַנע מײַדלעך, און מע זאָל דיך ניט אָנטרעפן אין אַן אַנדער פעלד.

און זי האָט זיך געהאַלטן אָן בועַזעס מײַדלעך, צו קלײַבן ביז צום סוף פון גערשטנשניט און ווייצשניט. און זי איז געזעסן בײַ איר שוויגער.

# פרק ג

1 און נָעמי איר שוויגער האָט צו איר געזאָגט: מײַן טאָכטער, זאָל איך דיר ניט אויפזוכן אַן אָפּרו וואָס זאָל גוט זײַן פאַר דיר? און אַצונד, איז ניט בועַז אונדזערער אַ קרוב – דער וואָס דו ביסט געווען מיט זײַנע מײַדלעך? אָט ווינטשופלט ער די נאַכט דעם שײַער גערשטן. זאָלסטו זיך אַרומוואַשן און באַזאַלבן, און אָנטאָן אויף דיר דײַנע קליידער, און אַראָפּנידערן צום שײַער; זאָלסט זיך ניט לאָזן מערקן פון דעם מאַן, ביז ער האָט געענדיקט עסן און טרינקען. און עס וועט זײַן ווי ער וועט זיך לייגן, אַזוי זאָלסטו מערקן דעם אָרט וואָס ער וועט זיך דאָרטן לייגן, און זאָלסט צוקומען און אָפּדעקן זײַן צופוסן, און זיך אַוועקלייגן; און ער וועט דיר זאָגן וואָס דו זאָלסט טאָן. האָט זי צו איר געזאָגט: אַלץ וואָס דו זאָגסט מיר וועל איך טאָן.

און זי האָט אַראָפּגענידערט צום שײַער, און האָט געטאָן אַזוי ווי אַלץ וואָס איר שוויגער האָט איר געהייסן. און בועַז האָט געגעסן און געטרונקען, און זײַן האַרץ איז געווען פריילעך, און ער איז געגאַנגען זיך לייגן אין עק פון דעם תּבואה-הויפן. איז זי צוגעקומען שטילערהייט, און האָט אָפּגעדעקט זײַן צופוסן, און האָט זיך געלייגט. און עס איז געווען אין האַלבע נאַכט, האָט דער מאַן אויפגעציטערט, און ער האָט זיך אויסגעדרייַט, ערשט אַ פרוי ליגט אים צו פוסן. האָט ער געזאָגט: ווער ביסטו? האָט זי געזאָגט: איך בין רות דײַן דינסט; און זאָלסט אויסשפּרייַטן דײַן ברעג קלייד איבער דײַן דינסט, וואָרום אַן אויסלײַזער ביסטו. האָט ער געזאָגט: געבענטשט זאָלסטו זײַן פון גאָט, מײַן טאָכטער; דײַן לעצטע גוטסקײַט האָסטו נאָך שענער געטאָן פון דער ערשטער, ניט צו גיין נאָך די בָּכורים, צי אָרים צי רײַך. און אַצונד,
[ז 1169] מײַן טאָכטער, זאָלסטו ניט מורא האָבן; אַלץ וואָס דו וועסט זאָגן, וועל איך דיר טאָן, וואָרום דער גאַנצער טויער פון מײַן פאָלק ווייס אַז דו ביסט אַ ווו ילע פרוי. און אַצונד, יאָ אמת, אַז אַן אויסלײַזער בין איך, אָבער פאַראַן אַן אויסלײַזער נענטער

פון מיר. בּלייַב די נאַכט, און עס וועט זייַן אין דער פרי, אויבּ ער וועט דיך אויסלייַזן, איז גוט, זאָל ער אויסלייַזן; אויבּ אָבּער ער וועט דיך ניט וועלן אויסלייַזן, וועל איך דיך אויסלייַזן, אַזוי ווי גאָט לעבּט! ליג בּיז אין דער פרי.

איז זי געלעגן בּייַ אים צופוסן בּיז בּאַגינען, און זי איז אויפגעשטאַנען אײדער אײנער האָט געקענט דערקענען דעם אַנדערן; וואָרום ער האָט געזאָגט: עס זאָל ניט דערוווּסט ווערן אַז די פרוי איז געקומען אין שייַער.

און ער האָט געזאָגט: גיבּ אַהער דאָס טוך וואָס אויף דיר, און האַלט עס צו. האָט זי עס צוגעהאַלטן, און ער האָט אַרייַנגעמאָסטן זעקס מאָס גערשטן, און אַרויפגעטאָן אויף איר. און ער איז אַרייַנגעגאַנגען אין שטאָט.

און זי איז געקומען צו איר שוויגער, האָט זי געזאָגט: ווי איז דאָס מיט דיר, מייַן טאָכטער? האָט זי איר דערציילט אַלץ וואָס דער מאַן האָט צו איר געטאָן. און זי האָט געזאָגט: די זעקס מאָס גערשטן האָט ער מיר געגעבּן, ווייַל ער האָט צו מיר געזאָגט: זאָלסט ניט קומען מיט ליידיקן צו דייַן שוויגער. האָט זי געזאָגט: זיץ, מייַן טאָכטער, בּיז וואַנען וועסט וויסן ווי די זאַך וועט אויספאַלן, וואָרום דער מאַן וועט ניט רוען, בּיז ער האָט געענדיקט די זאַך הייַנט.

# פּרק ד

1 און בּוֹעַז איז אַרויפגעגאַנגען צום טויער, און האָט זיך דאָרטן געזעצט, ערשט דער אויסלייַזער פון וועמען בּוֹעַז האָט גערעדט, גייט פאַרבּייַ. האָט ער געזאָגט: קום אַהער זעץ זיך דאָ, דער און דער. איז ער צוגעקומען און האָט זיך געזעצט.

און ער האָט גענומען צען מענטשן פון די עלטסטע פון שטאָט, און ער האָט געזאָגט: זעצט אייַך דאָ. און זיי האָבּן זיך געזעצט. האָט ער געזאָגט צום אויסלייַזער: נָעמי וואָס האָט זיך אומגעקערט פון פעלד פון מוֹאָב, פאַרקויפט דאָס שטיק פעלד וואָס האָט געהערט צו אונדזער בּרודער, צו אֶלימֶלֶכן. האָבּ איך געקלערט: איך וועל אַנטפּלעקן דייַן אויער, אַזוי צו זאָגן: קויף עס אַנטקעגן פאַר די וואָס זיצן דאָ, און אַנטקעגן פאַר די עלטסטע פון מייַן פאָלק. אויבּ דו ווילסט אויסלייַזן, לייַז אויס! אויבּ אָבּער מע וועט ניט אויסלייַזן, זאָג מיר, כּדי איך זאָל עס וויסן, וואָרום ניטאָ קייַנער אַחוץ דיר אויסצולייַזן, און איך בּין נאָך דיר. האָט ער געזאָגט: איך וועל אויסלייַזן. האָט בּוֹעַז געזאָגט: אין דעם טאָג וואָס דו קויפסט דאָס פעלד פון נָעמיס האַנט, און פון רות דער

מוֹאָבערין, האָסטו געקויפט די ווײַב פון דעם געשטאָרבענעם, כּדי אויפצושטעלן דעם נאָמען פון דעם געשטאָרבענעם אויף זײַן נחלה. האָט דער אויסלײַזער געזאָגט: איך קען עס ניט אויסלײַזן פאַר מיר, וואָרום איך וועל נאָך פאַרדאַרבן מײַן אייגענע נחלה. לײַז דיר דו אויס וואָס איך דאַרף אויסלײַזן, וואָרום איך קען ניט אויסלײַזן.

[ז 1170]

און אַזוי איז געווען פאַרצײַטן אין ישׂראל: בײַ אַן אויסלײַז אָדער בײַ אַן אויסבײַט, צו באַפעסטיקן עפּעס אַ זאַך, האָט איינער אַראָפּגעצויגן זײַן שוך און געגעבן דעם אַנדערן. און דאָס איז געווען צום עדות אין ישׂראל.

האָט דער אויסלײַזער געזאָגט צו בּוֹעַזן: קויף עס דיר. און ער האָט אַראָפּגעצויגן זײַן שוך. און בּוֹעַז האָט געזאָגט צו די עלטסטע, און צו דעם גאַנצן פאָלק: איר זײַט עדות הײַנט, אַז איך האָב אָפּגעקויפט אַלץ וואָס האָט געהערט צו אֶלימֶלֶכן, און אַלץ וואָס האָט געהערט צו כִּליוֹנען און מַכלוֹנען, פון נָעמיס האַנט. און אויך רות די מוֹאָבערין, מַכלוֹנס ווײַב, האָב איך געקויפט מיר פאַר אַ ווײַב, כּדי אויפצושטעלן דעם נאָמען פון דעם געשטאָרבענעם אויף זײַן נחלה, אַז דער נאָמען פון דעם געשטאָרבענעם זאָל ניט פאַרשניטן ווערן פון צווישן זײַנע ברידער, און פון דעם טויער פון זײַן אָרט; איר זײַט עדות הײַנט. האָט געזאָגט דאָס גאַנצע פאָלק וואָס אין טויער, און די עלטסטע: עדות! גאָט זאָל געבן אַז די ווײַב וואָס קומט אָן אין דײַן הויז, זאָל זײַן אַזוי ווי רחל און אַזוי ווי לאה וואָס זיי בײַדע האָבן אויפגעבויט דאָס הויז פון ישׂראל! און טו אויף העלדישקײַט אין אֶפרָת, און האָב אַ באַרופענעם נאָמען אין בֵּית-לֶחֶם! און דײַן הויז זאָל זײַן אַזוי ווי דאָס הויז פון פֶּרֶצן וואָס תָּמָר האָט געבאָרן יהודהן, פון דעם זאָמען וואָס גאָט וועט דיר געבן פון דערדאָזיקער יונגער פרוי!

און בּוֹעַז האָט גענומען רותן, און זי איז אים געוואָרן פאַר אַ ווײַב, און ער איז צו איר געקומען, און גאָט האָט איר געגעבן טראָגשאַפט, און זי האָט געבאָרן אַ זון. האָבן די ווײַבער געזאָגט צו נָעמין: געלויבט איז גאָט וואָס ער האָט דיך הײַנט ניט געלאָזן אָן אַן אויסלײַזער, און זאָל זײַן נאָמען זײַן באַרופן אין ישׂראל! און ער זאָל דיר זײַן פאַר אַ דערקוויקער פון דער זעל, און אויף אויסצוהאַלטן דײַן עלטער וואָרום דײַן שנור וואָס האָט דיך ליב, האָט אים געבאָרן, וואָס זי איז דיר בעסער ווי זיבן זין.

און נָעמי האָט גענומען דאָס קינד, און האָט עס אַרײַנגעטאָן אין איר בוזעם, און זי איז אים געווען פאַר אַ דערציערין. און די שכנות האָבן אים געגעבן אַ נאָמען, אַזוי צו זאָגן: אַ זון איז געבאָרן געוואָרן בײַ נָעמין; און זיי האָבן גערופן זײַן נאָמען עוֹבֵד. דאָס

איז דער פֿאָטער פֿון יִשַׁי דעם פֿאָטער פֿון דוִדן.

און דאָס זײַנען די געבורטן פֿון פֶּרֶצן: פֶּרֶץ האָט געבאָרן חֶצרוֹנען; און חֶצרוֹן האָט געבאָרן רָמען, און רָם האָט געבאָרן עַמינָדָבן; און עַמינָדָב האָט געבאָרן נַחשוֹנען, און נַחשוֹן האָט געבאָרן שַׂלמָהן; און שַׂלמוֹן האָט געבאָרן בּוֹעַזן, און בּוֹעַז האָט געבאָרן עוֹבֵדן; און עוֹבֵד האָט געבאָרן יִשַׁין, און יִשַׁי האָט געבאָרן דוִדן.

[ז 1171]